Y 5477.59
9 dertsylungen
Judaica ACP9419
3 2044 004 190 419
HD WID

# רחל ה. קאָרן

## 9 דערציילונגען

# רחל ה. קאָרן

# 9 דערציילונגען

אַרויסגעגעבן
פון אַ קאָמיטעט
מאָנטרעאַל
1957 — התשי״ח

# 9 דערציילונגען

## ערד

1934־1928


ערד . . . . . . . . . . . . . . . . . . זייט 9
מגפה אין דאָרף . . . . . . . . . . . . . ״ 37
א שד אין פעלד . . . . . . . . . . . . . ״ 57
שלמה „נוזשדע״ . . . . . . . . . . . . . ״ 107


## שאָטנס

1957־1948


דער לעצטער וועג . . . . . . . . . . . . ״ 201
בראָניא . . . . . . . . . . . . . . . . ״ 211
הענט . . . . . . . . . . . . . . . . . ״ 229
שאָטנס . . . . . . . . . . . . . . . . ״ 257
בלומע זעלינגער . . . . . . . . . . . . ״ 291



Y 5477.59

HARVARD UNIVERSITY LIBRARY

HARVARD UNIVERSITY LIBRARY APR 9 1964

FROM THE INCOME OF THE BEQUEST OF ... FRIEDMAN

FROM THE INCOME OF THE BEQUEST OF LEE M. FRIEDMAN



RACHEL H. KORN: 9 SHORT STORIES

שער בלאַט געצייכנט פון יחיאל שײנבלום

אילוסטראַציעס פון יאָסל בערגנער

דרוקעריי: נאָרדערן פרינטינג און ליטאָגראַפינג קאָ., מאָנטרעאָל

27

געהייליקט
דעם אָנדענק
פון מיין מאן

**הערש קאָרן**

אומגעבראכט
דורך די נאציס
סעפטעמבער 1943



## א שד אין פעלד.

איבע די בלאָטיקע צעיוירענע וועגן האָבן זיך געשלעפּט — מידע, הונגעריקע, אָפּגע־ריסענע די זעלנער פון פראַנץ יאָזעפס געוועזענער ארמיי״.



ש אָ ט נ ס

„וויפל אזעלכע צען יאָריקע מיידלעך מיט בלאָנדע צעפּ גייען עס יעדן אינדערפרי איבער די גאסן פון פארשידענע שטעט מיט די ביכער אונטער די אָרעמס".

# דער לעצטער וועג

I

די גאַנצע שטאָט האָט שוין זייט אינדערפרי געוואוסט וועגן דעם נייעם גזר. אָבער ביי הערש־לייזער סאקאל אין שטוב האָט מען זיך עפּעס ווי ניט וויסנדיק געמאַכט.ביילע האָט ווי יעדן טאָג צוגעשטעלט צום קאָכן דאָס טעפּל גריץ מיט די עטלעכע אָרומשווימענדיקע האַלב־פאַרפוילטע קאַרטאָפל, דער געטאָ־צוטיילונג, און באַצייטנס געדעקט דעם טיש פאַר דער גאַנצער משפחה. זיבן טעלער און זיבן לעפל אויסגעלייגט אין צוויי רייען, ווי אַן עירוב קעגן אַלעם בייזן, וואָס לויערט פון יענער זייט טיר.

זי פלעגט יעדע ווײַלע צולויפן דאָ צו דער טיר, דאָ צום פענצטער, אַ וויש טון מיטן פאַרטעך די פאַרע־פאַרלאָפענע שויב און אַראָפקוקן אויף דער גאַס. אָבער אין יענעם האַרבסט־טאָג פון 1942 האָט מען אויף די גאַסן פון קליינעם גאַליצישן שטעטל ניט געזען קיין איין ייד. פון צייט צו צייט פלעגט דורכגיין אַ יידישער פּאָליציאַנט מיט אַ פּעקל פּאַפּירן אונטערן אָרעם און פאַרשוואונדן ווערן אין געסל וואָס פירט צום „יודנראַט״.

„דער טאַטע איז נאָך אַלץ נישטאָ״, האָט זי גערעדט מער צו זיך ווי צו די שטוב־מענטשן. איר אַלטע שוויגער, וואָס איז געזעסן נעבן דער קיך און געפּליקט פעדערן אין אַ געלאַטעטער רעשעטע אַריין, האָט אויפגעשטעלט צו איר דאָס טויבלעכע אויער. — „וואָס זאָגסטו, ביילע?״ — „גאָרנישט, שוויגער״.

פלוצלונג האָט זיך דערהערט פון ווינקל וואו די צוויי יינגסטע האָבן זיך געשפּילט, אַ געפּילדער און גערודער. דודל האָט געריסן סאָרקען פון די הענט אַרויס איר ליאַלקע און געפּאַטשט מיט אַ שטעקן: „אַז עך הייס געבן דאָס קינד, מוזטו עס געבן, אַניסטן וועל עך דעך אויך צונעמען און דו וועסט נאָך קריגן קלעפּ דערצו״.

ביילע איז צוגעלאָפן צו די קינדער: „וואָס רודערט עך, וואָס איז אויף אייך אָנגעפאַלן אין מיטן דערינען?״

„מאַמע, ער שלאָגט מעך״, האָט זיך פלוצלונג צעוויינט סאָרקע, דער־פילנדיק דער מוטערס שוץ הינטער זיך.

„לאָז זי אָפּ, מאַמע, שוין די מינוט לאָז זי אָפּ״, איז צוגעשטאַנען דער אכט־יאָריקער דוד און מיט ביידע הענט געריסן צו זיך דאָס יינגערע



שוועסטערל. „מיר שפּילן זעך אין ׳אויסזידלונג׳ און ביי אויסזידלונג איז נישטאָ קיין מאַמע. דאָ מוז מען פאָלגן דעם פּאָליציאַנט. אַז זי האָט נישט געוואָלט געבן איר קינד, מוז זי גיין צוזאַמען מיטן קינד. זעסט, דאָ האָב איך מיין ביקס״, האָט ער אָנגעוויזן אויפן שטעקן.

„טפו, אויף אַלע וויסטע פעלדער און וועלדער זאָל עס גיין. די מינוט זאָלסטו אַוועקוואַרפן דעם שטעקן און גיין צו מיר. אַ שפּיל דאָס האָט זעך מיר אויסגעזוכט, אַ שפּיל!״

„אַז ביי אונדזער שכנטע מלכה איז אַזוי געווען, ווייסטו דאָך אַליין. שמערקע־יוספס זון, דער פּאָליציאַנט האָט זי דאָך צוגענומען מיטן קינד. געדענקסט נישט?״

„ביי מיר אין שטוב וויל עך נישט זען מער אַזעלכע שפּילן, הערסט? אַזאַ גרויסער יונגאַטש און דאָס פאַרשטייט נאָך גאָרנישט. גיי בעסער צו ליפּען, גיי״.

שטענדיק, ווען די מאַמע האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן מיט דודלען, פלעגט זי אים שיקן צום עלטסטן זון, ווייל ליפּע איז געווען דער איינציקער, וועמען דוד האָט תמיד געפאָלגט.

ליפּע איז געזעסן אין דער צווייטער שטוב ביים טיש, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף דער לינקער האַנט און געשריבן. ער האָט זיך נישט אויסגעדרייט און נישט אָפּגערופן מיט קיין איין וואָרט, ווען די מאַמע האָט זיך געשטעלט הינטער זיין פּלייצע און געוואַרט, אַז ער זאָל איר העלפן איינעמען דאָס צעווילדעוועטע ייִנגל. אויך דודל האָט אויף עפּעס געוואַרט, איז פּלוצלונג שטיל געוואָרן און געקוקט מיט אָנגעשטרענגטע אויגן אויפן עלטסטן ברודער. די פעדער איז אין זיין האַנט געלאָפן גיך, גיך איבער דעם ווייסן בייגעלע פּאַפּיר, ווי זי וואָלט זיך געאיילט צו עפּעס אַן אומפאַרמיידלעכן סוף. און ליפּע אַליין איז דאָ בלויז אַ צוגאָב, דער אויספירער פון אַ פרעמדן ווילן.

ביילעס אויערן, וואָס צו יעדן מינדסטן גערויש, האָבן דערהערט עפּעס אַ מאָדנעם שאָרך פון קנייטשנדיקער זייד. זי האָט אויסגעדרייט אין דער ריכטונג דעם קאָפּ און דערזען די צעעפּנטע שאַפע, און צווישן אירע ביידע טירן איר טאָכטער מירלען, ווי זי נעמט ארויס אירע קליידער און מעסט זיי אָן, איינס נאָכן צווייטן פאַרן שפּיגל.

„וואָס פאַר אַ וויסטער יום־טוב איז עס היינט אויף דיר?״

„עך וויל מיר נאָכאַמאָל אָנמעסטן אַלע מיינע קליידלעך, מאַמע״.

ביילע האָט אַ קוק געטאָן אויף איר פון דער זייט, ווי זי וואָלט געקוקט אויף אַ פרעמדן, ערשט אַריינגעקומענעם. במשך פון די לעצטע צוויי יאָר,



לעבנדיק אין שטענדיקער פּיין און שרעק, האָט זי אויף אירע קינדער געקוקט ווי אויף אַ טשערעדע, וועלכע זי מוז באַהיטן און אויסהיטן פון אַלע לויערנדיקע געפאַרן. ערשט אין דער רגע האָט זי דערזען, ווי מירל, איר פערצניעריקע טאָכטער, איז אויסגעוואַקסן. אירע שפּיציקע, קינדישע אַקסלען האָבן זיך פאַררונדיקט, ווי זיי וואָלטן זיך געגרייט אויפצונעמען די לאַסט פון נייע, אומבאַקאַנטע בענקשאַפטן. די ברוינע סאַרנע־אויגן האָבן זיך אָנגענומען מיט ערשטער, ווייכער פרויאישער איבערגעגעבנקייט צום גורל.

און ווי זי וואָלט דער אונטערגעוואַקסענער טאָכטער עפּעס שולדיק געווען, וואָס זי קען נישט באַצאָלן, קען נישט פאַרענטפערן, האָט זיך ביילע, ווי אַ באַנקראָטער בעל־חוב, אויסגעזעצט אויפן בענקל און איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ ווילד יאָמערלעך געוויין. איר גאַנצער צוריקגעהאַלטענער פּחד, די שרעק פאַרן קומענדיקן, אומפאַרמיידלעכן האָט מיטאַמאָל געפונען אַ זייטיקע סטעזשקע און זיך אויפגעלייזט אינם שטראָם טרערן. ביילע האָט געוויגט דעם קאָפּ אין ביידע הענט און געכליפּעט מיט אַן אָפּגעהאַקטן העשען, ווי ס׳וואָלט זיך איר ברוסט געריסן אויף שטיקער.

די צוויי קלענסטע זיינען אויף שפּיץ פינגער אַוועק אין קיך, אָרום־געגנישטערט צווישן די טעפּ, ווי יונגע קעצלעך. סאָרקע האָט אַ שלעפּ געטאָן מירלען פון דער קליידער־שאַפע אַוועק: „אַנו ,גיב נאָר אַ שטאָך מיטן גאָפּל, צי די בולבעס זיינען שוין ווייך?״

דודל איז צוגעלאָפן צו דער טיר: „עך וועל א קוק טאָן אין דרויסן וואו דער טאַטע זאַמט זעך אַזוי לאַנג״.

„זאָלסט זעך נישט דערוועגן רירן פון אָרט״, האָט ביילע אויפגעוואַכט פון איר פאַרשטאַרטקייט. ווילסטו עפּעס אַן אומגליק, חלילה, ברענגען אויף אונדזערע קעפּ?״

אויף די טרעפּ האָבן זיך דערהערט שווערע, שלעפּנדיקע טריט, ווי זיי וואָלטן זיך געדונגען מיט יעדן טרעפּל באַזונדער. ליפּע האָט אַריינגע־לייגט אין בוזעם־קעשענע די באַשריבענע בייגעלעך פּאַפּיר און איז געלאָפן עפענען די דרויסנדיקע טיר, וואָס איז זייט דער צייט, ווען די דייטשן זענען אַריינגעקומען, געווען שטענדיק פאַרריגלט און פאַרמאַכט מיט אַ שליסל.

ביידע, דער טאַטע מיטן זון האָבן זיך אָנגעקוקט א ווילע. דעם זונס אויגן האָבן געמאָנט, געפאָדערט א חלק פון דעם, וואָס דער טאַטע ווייס עס שוין און וואָס דאַרף דערווייל בלייבן א סוד פאַר אַלע איבעריקע אין שטוב.

דער פּאָטער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט אַליין געווען שולדיק פאַר דעם, וואָס עס קומט איצט פאָר, שולדיק פאַרוואָס ער האָט אַמאָל גענומען אַ ווייב און געבראַכט קינדער אויף דער וועלט, וועלכע ער איז איצט נישט אימשטאַנד צו באַשיצן.ביילע האָט בלויז איין קוק געגעבן אויף איר מאַן און זי האָט שוין נישט באַדאַרפט גאָרנישט פרעגן. די קנייטשן אויף הערש־לייזערס פּנים זיינען מיטאַמאָל געוואָרן טיפער און פאַרצויגן מיט גרויקייט, ווי זיי וואָלטן אין זיך אַריינגענומען דעם גאַנצן שטויב פון דער גאַס, די נאָז אויסגעצויגן, פאַרשפּיצט ווי ביי אַ מת, און די שטענדיק צוגעגלעטע שוואַרצלעכע באָרד — צעקנייטשט, איבערגעקערט אַרויף מיט איר גאַנצער, ביז איצט פאַרבאַהאַלטענער גרויקייט.

„וועסט זעך גיין וואַשן די הענט, הערש־לייזער?‟

„יאָ, מ׳עט גיין צום טיש‟, האָט ער געענטפערט שטיל.

מען האָט געגעסן שווייגנדיק און קיינער האָט נישט געקוקט וואָס און וויפיל ער נעמט אָן מיטן לעפל, יעדן ביסן אַראָפּגעשלונגען האַלבגעפילט. אויך די קינדער, שוין צוגעוואוינטע צו שרעק און פּחד, האָבן געפילט, אַז עפּעס גרייט זיך דאָ און מען טאָר אַפילו נישט פרעגן וואָס.

ווען אַ לעפל האָט זיך אומגעריכט אָנגעשלאָגן מיט אַ קלונג אָן דעם ראַנד פון טעלער, האָבן זיך אַלע אויפגעכאַפּט, ווי פאַרציטערטע און מיט אַ בייזן פאַרוואורף געקוקט אין יענער זייט. נאָר די באָבע, ווי זי וואָלט געווען פאַרטאָן בלויז מיטן עסן, האָט געפירט פאַמעלעך צו די אָנציינערדיקע יאַסלעס איין לעפל נאָכן צווייטן.

דער ערשטער האָט זיך אויפגעהויבן הערש־לייזער. ער האָט אַ וויש געטאָן מיט דער פאַרקערטער האַנטפלאַך איבער די וואָנצעס און אָנגעהויבן שפּאַנען איבער דער שטוב הין און צוריק מיט שווערע, געמאָסטענע שריט. ווען ביילע האָט אָנגעהויבן אָפּצורוימען דאָס געפעס פון טיש, האָט ער צו איר אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: „מע דאַרף נישט, ביילע‟.

זי האָט אַראָפּגעלאָזט ביידע הענט, ווי זיי וואָלטן איר פּלוצלונג געוואָרן איבעריק און זיך פּלוצלונג געשטעלט אַנטקעגן מאַן, פאַרשטעלנדיק אים דעם וועג צום ווייטערן שפּאַנען.

„ביסט עפּעס נייעס געוואויר געוואָרן? איז דאָס אַלץ אמת, וואָס מען זאָגט?‟

„אמת, אַלץ אמת, ביילע‟. דעם מאַנס קול איז געוואָרן הייזעריק און צוגעדושעט, גלייך דאָרט אין דער קעל וואָלט פּלוצלונג אָנגעוואקסן עפּעס געדיכטס און שטעכעדיקס. „שוין אויסגעקלעפּט פּלאַקאַטן אויף די



ווענט און סלופּעס. אין צוויי שעה אַרום מוז פון יעדער משפּחה צוגעשטעלט ווערן איין מענטש. פאַרשטייסט, די משפּחה מוז אַליין אויסקלייבן דעם קרבן, פאַרשטייסט, אַלע מוזן אויסקלייבן איינעם. ווייל אַניסטן וועט מען נעמען אַלע, אַלע, וואָס געפינען זיך אין שטוב, אָן אויסנאָם אַלע, און אַזוי לאָזן אונדז די דייטשן פרייען אויסוואַל, הערסט ביילע, פרייען אויסוואַל!‟

אַלע זענען געבליבן ווי פאַרשטאַרט. קיינער האָט זיך נישט געחידושט. אויף אַלץ קען מען זיך ריכטן ביי די דייטשן. איינער האָט געקוקט אויפן צווייטן. ווער, ווער פון זיי וועט גיין, גיין אַהין, פון וואַנען מען קערט זיך שוין קיינמאָל נישט צוריק. ס׳האָט מיטאַמאָל אַ ווייע געטאָן מיט פרעמדקייט. איינער אין צווייטן האָט שוין געזען דעם קרבן. איינער אין צווייטן האָט שוין געזען דעם קעגנער.

און וועמען וועט מען אויסקלייבן, און ווער וועט אויסקלייבן? מיט וואָס פאַר אַ מאָס וועט מען מעסטן, מיט וואָס פאַר אַ וואָג וועט מען וועגן, כדי צו קענען באַשטימען, ווער עס דאַרף שטאַרבן שוין איצט און ווער עס איז ראוי צו בלייבן לעבן, דערווייל.

„אויב אַזוי‟, האָט מאָדנע רואיק אַ זאָג געטאָן ליפּע, ניט אומקוקנדיק זיך אויף די געבויגענע קעפּ, און האָט אָפּגעהאַקט אין מיטן. גלייך ווי די שווערקייט פון די נאָר וואָס אַרויסגעזאָגטע ווערטער וואָלט געווען אַ צו גרויסע לאַסט פאַר די ציטערנדיקע פּיס, האָבן זיך אַלע צוגעזעצט. יעדער האָט פאַר זיך געזוכט דאָס נידעריקסטע בענקל, ווי ער וואָלט זיך באַצייטנס געזעצט שבעה נאָך זיך אַליין.

ביילע האָט אַרומגעכאַפּט די צוויי יינגסטע, ווי זי וואָלט זיי געוואָלט פאַרדעקן מיט אירע הענט, פאַרצוימען יעדן צוגאַנג צו זיי.

די דערוואַקסענע האָבן אין די געדאַנקען אָנגעהויבן חשבונען יעדנס יאָרן באַזונדער, סיי די אָפּגעלעבטע, סיי די וואָס זיינען זיי באַשערט. מען האָט געחשבונט די קנייטשן אויפן פּנים און די אָדערן אויף די הענט.

דער פּאָטער קען נישט גיין — דאָס איז קלאָר. ער איז דער פאַרזאָרגער, דער שפּייזער פון דער גאַנצער משפּחה. די מאַמע אוודאי נישט. וואָס וואָלט געוואָרן פון די קלענערע קינדער אָן איר. ליפּע — וואָס האָט ער געהאַט פון לעבן ביי זיינע פיר און צוואַנציק יאָר, צוויי פון זיי אָפּגעפינצטערטע אונטער היטלערס ממשלה? לאָז ער נאָך אַ טראַכט טאָן אַ ווײַלע. אפשר זאָל ער זיך טאַקע אַרויסשאַרן פון שטוב און פּטור. די מאַמע וועט קלאָגן, רייסן זיך די האָר פון קאָפּ, דער פּאָטער וועט אויפברילן פון ווייטיק, ווען ער וועט זאָגן קדיש נאָך זיין זון, דודל

וועט אים אַרומזוכן יעדן טאָג, נישט קענען באַנעמען, אַז זיין ליפּע איז מער נישטאָ. אָבער אין דער ערשטער רגע וועלן זיי אַלע פרייער אָפּאָטעמען, וואָס ער האָט זיי אויסגעלייזט, זיי באַפרייט פון דעם מוז צו ווערן תלינים איבער אייגענעם בלוט און פלייש.

אין די געדאַנקען האָט ער זיך אָנגעהויבן צו געזעגענען מיט אַלע. מאָרגן וועט ער דאָ מער נישט זיין. אַלץ וועט בלייבן אויפן אָרט, נאָר ער וועט מער נישט זיין. נישט זען די זון, דעם הימל, דעם אַלטן זייגער אויפן קאָמאָד. ער האָט א טאַפּ געטאָן די בוזעם־קעשענע, אַרויסגענומען דאָס זייגערל און דאָס ביסל געלט, וואָס ער האָט דאָרט געהאַלטן און אַזוי, אַז קיינער זאָל נישט זען, אַרונטערגערוקט עס אונטערן זייגער. צוזאַמען מיט די געלט־אַסיגנאַציעס האָבן זיך מיטגעשלעפּט די באַשריבענע בייגעלעך פּאַפּיר. יאָ, דאָס איז דאָך דער בריוו צו עלקען. דער לעצטער בריוו. ער מוז אים איבערגעבן עפּעס אַ פּאַליאַק. ווייל עלקע טאָר נישט באַקומען אַ בריוו פון געטאָ. זי לעבט דאָרט אויף אַרישע פּאַפּירן, אַלס פּאָלקע. זי האָט אים ערשט ניט לאַנג צו וויסן געגעבן, אַז זי גרייט אויך צו פאַר אים אַזעלכע פּאַפּירן מיט חתימות און אונטערשריפטן. זיי וועלן ביידע אַוועקפאָרן אין אַ גרעסערער שטאָט, וואו ס׳איז זיך לייכטער אויסצובאַהאַלטן.

איז דען נישטאָ קיינער וואָס זאָל גיין אָנשטאָט אים? און די באָבע, די אַלטע באָבע? ליפּעס בליק, וואָס האָט געזוכט די באָבע, האָט זיך איבער איר קאָפּ צונויפגעטראָפן מיט די אויגן פון טאָטע־מאַמע. זיי האָבן אָפּגעבלעטערט אירע יאָרן, ווי חשוונדיקע בלעטער פון אַ בוים, ביז דער שטאָם בלייבט נאַקעט און נישט באַוואָרנט. אָבער קיינער האָט נישט געוואַגט הויך אַרויסצוזאָגן זיין געדאַנק, קיינער האָט ניט געוואַגט צו זאָגן „גייי״, ווערן באַלעבאָס איבער די עטלעכע שמאַטעדיקע יאָרן פון איר לעבן.

אונטער די בליקן וואָס האָבן זיך איינגעגעסן אין איר, האָט זיך די אַלטע געגומען איינקאָרטשען, זיך אַריינגערוקט אין איר בענקל מיטן גאַנצן גוף, ווי זי וואָלט וועלן פאַרשווינדן אינגאַנצן פון דער אויבערפלאַך, דערפאַר וואָס טיפער אַריינוואַקסן, איינוואָרצלען זיך אין דעם שטיקל באָדן אונטער איר, כדי מען זאָל אים פון איר נישט קענען אַוועקרייסן פון אונטער די פיס. אַלעמענס חושים זענען אין דער רגע געוואָרן וואַכער, אין אָט די מינוטן פון העכסטער, זעלישער אָנשטרענגונג. נאָר דער באָבעס טראַכטענישן זענען געווען פאַר זיי פאַרמאַכט, פונקט ווי אירע צוויי האַלב־פאַרלאָשענע אויגן. זי האָט זיך פאַרשלאָסן אין זיך אַליין אין דער דאָזיקער אָפּווער פאַרן טויט. זי האָט זיך מיטאַמאָל געפילט אַזוי אַליין, אַזוי פאַר־



איינזאַמט אין קרייז פון איר אייגענער משפחה, לעבן דעם זון, וועלכן זי האָט געבוירן און אויסגעהאָדעוועט. אייגן פלייש און בלוט — און אויך זיינע אויגן זוכן זי אַרום, טייטלען אויף איר. דעריבער וועט זי זיך ווערן קעגן זיי אַלע מיט אירע לעצטע כוחות. ס׳איז קיינער נישטאָ ווער ס׳זאָל זיך אָננעמען פאַר איר, ווער עס זאָל זי כאָטש אַרומנעמען מיט דער מחיצה פון אַ וואַרעמען בליק. דעמאָלט וואָלט לייכטער געווען צו מאַכן דעם לעצטן סך הכל. ווען מען ווייסט, אַז מען וועט עמיצן אויספעלן. זיי מיינען, אַז אַן אַלטן קומט אָן לייכטער דאָס שטאַרבן. אפשר איז עס טאַקע אַזוי, ווען דער טויט קומט אַליין, צום אייגענעם בעט צו. אָבער אַזוי גיין, אים אַנטקעגנטראָגן דאָס בינטל אָפּגעלעבטע ביינער. שאַ, זי איז נאָך נישט פאַרטיק געוואָרן מיט אַלץ. זי מוז נאָך איין מאָל דורכטראַכטן איר גאַנץ לעבן, פון אָנהויב ביזן סוף. ווי זי איז נאָך געווען א קינד ביי איר מאַמען. זי איז דאָך אויך געווען אַמאָל אַ קינד, ווי איר זון, ווי אירע אייניקלעך. די מאמע האָט זי געהאלטן אויפן שויס, ווי ביילע סאָרקען. „מאמע, מאמע״, האָבן אירע בלויע ליפּן אָנגעהויבן צו פּרעפּלען, צוריק־רופן זי פון יענער וועלט. „מאַמע״, האָט זי זיך געבעטן ווי אַמאָל קינדוויז, ווען מען האָט זי געוואָלט שלאָגן. זי האָט שוין כמעט פאַרגעסן, ווי איר מאַמע האָט אויסגעזען, איר בילד איז ווי אויסגעזשאַווערט געוואָרן דורך די יאָרן. צוויי גרויסע, שווערע טרערן האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט פון אונטער די פאַרמאַכטע וויעס, אַריינגעפאַלן אין דער נעץ פון די קנייטשן, וואָס האָבן זי צעפּירט איבער דער גאַנצער לענג פון פּנים.

און שפּעטער — זי אַלס כלה־מיידל. דודן האָט זי געזען בלויז איין מאָל, ביי די תנאים, אָבער אלע אירע מיידלשע חלומות זיינען שוין געווען פול מיט אים. און, אַז מען האָט גענומען די חתונה־קליידער, האָט זי זיך איינגעשפּאַרט, אַז זי וויל האָבן צו דער חופּה דאָס, פון טייערסטן שטאָף, די בלאָ־שאַנזשירטע זייד מיטן ראָזלעכן גלאַנץ און די ראָזע איינגעוועבטע בלומען, זי זאָל דודן געפעלן, ווען ער וועט אויף איר אַ קוק טון. ס׳איז געהאָנגען אין דער שאַפע ביז נישט לאַנג, נישט געלאָזט קיינעם צורירן זיך צו אים. ערשט מיט עטלעכע חדשים צוריק האָט זי עס געלאָזט איבערנייען פאַר מירלען. ווייל מירל איז פונקט אין איר געראָטן, אַז זי קוקט אויף מירלען זעט זי זיך אַליין אין יענע יאָרן.

דער זייגער האָט אַ שאַרפן קלונג געטאָן. איין מאָל און דאָס צווייטע. אַלע האָבן זיך מיטאַמאָל אויפגעכאַפּט. שוין, שוין באַלד. ביז איצט האָט נאָך יעדער באַזונדער געוואַרט, אַז עפּעס וועט געשען. עפּעס אַ נס. אָבער איצט איז שוין ניט פאַרבליבן אַפילו קיין גאַנצע שעה.

מירל האָט זיך געטאָן אַ שטעל אויף אין איר גאַנצער גרויס. זי האָט א כאַפּ געטאָן פון הענגער איר מענטעלע און געבליבן שטיין אין מיטן שטוב.

„עך גיי.“

אַלע האָבן אויסגעדרייט צו איר די קעפּ.

זי איז געשטאַנען אין דעם בלאָ־ראָזע שאַנזשירטן קליידל, איבערגענייט פון דער באָבעס חופּה־טראַכט, וואָס זי האָט פאַרגעסן אויסצוטאָן, ווען די מאַמע האָט זיך צעשריגן אויף איר ביים אָנמעסטן עס, אָדער בכיוון איבערגעלאָזט אויף זיך. צי האָט זי דאָס קליידל געמאַכט עלטער, דערוואַקסענער, צי אירע פאַרעקשנטע פאַרקלעמטע ליפּן, אַלעמען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז מירל איז אין אָט די עטלעכע שעה געוואָרן מיט אַ קאָפּ העכער.

„וואוהין גיין, וואָס גיין?“ איז צו איר צוגעקומען דער טאַטע מיט רויט־פאַרלאָפענע, ארויסשטאַרצנדיקע אויגן.

„דו ווייסט אַליין וואוהין. זייט אַלע געזונט“.

און זי איז שוין געווען ביי דער טיר.

מיט איין ברייטן, ווילדן שפרונג איז דער טאַטע געווען ביי איר. זי אַ ריס געטאָן ביים אַרבל.

„שוין זאָלסטו מיר צוריקגיין, שוין, אַניט וועט זיך טון חושך, הערסט?“

מירל האָט זיך אָנגעהויבן צו ראַנגלען מיטן פאָטערס הענט. עס האָט זיך דערהערט אַ שאַרפער סוויטש, ווי פון אַ בייטש. דאָס האָט געפּלאַצט דאָס אַלטע, פאַרלעגערטע זיידנס פון מירלס אַרבל.

אַלע האָבן זיך צוגעקוקט, אָבער קיינער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, נישט אויף אָפּצוהאַלטן דעם פאָטער און נישט אויף צו העלפן מירלען.

מיט איין האַנט האָט הערש־לייזער צוגעהאַלטן די טאָכטער און מיט דער צווייטער אָפּגעשפּילעט דעם רימען פון די הויזן.

וואָס דאָ קומט פאַר האָט קיינער נישט געקענט פאַרשטיין. דער פאָטער גייט איצט, גראָד איצט שלאָגן מירלען, דאָס ליבסטע קינד זיינס. וואָס ער האָט קיינמאָל מיט קיין פינגער נישט אָנגערירט? שטענדיק האָט ער איר מיטגעבראַכט עפּעס אַ מתנה, נישט די צוויי יינגסטע נאָר דווקא איר, מירלען. נישט אַנדערש נאָר דאָס משוגעת, וואָס יעדער פּילט אַנוואַקסן אין זיך און האַלט עס מיט אַלע כוחות צוריק, איז ביי אים פּלוצלונג רייף געוואָרן, ווי א מכה, וואָס ציט, ציט און רייסט אויף.

ענדלעך האָט ער געהאַלטן דעם רימען אין דער האַנט. געמאַכט פון אים איבער מירלס קאָפּ, ווי אַ פּעטליע צום דערשטיקן. ער האָט אים



אַראָפּגעלאָזט אויף אירע אַקסלען, דאַן נידעריקער צו דער טאַליע און אים פאַרצויגן אַרום איר, און ווי מען בינדט אַרום אַ סנאָפּ תבואה אין פעלד. ער האָט עטלעכע מאָל אַ פּרוואו געטאָן צי דער רימען איז גענוג שטאַרק פאַרבונדן, דאַן אָנגענומען דעם לויזן עק מיט דער האַנט און נאָכשלעפּנדיק מירלען נאָך זיך, ווי אַ געבונדן קעלבל צוגעפירט זי צום דעמבענעם טיש. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן און מיט דעם עק פון רימען דריי מאָל אַרומגעוויקלט דעם שווערן פוס פון טיש. דאַן געמאַכט איין קניפּ אויפן צווייטן און מיט די ציין זיי דורכגעצויגן דורכן שמאָלן רימענעם לעכל. דערנאָך האָט ער א פּיר געטאָן מיט דער האַנט איבער דעם נאַסן שטערן, ווי ער וואָלט געוואָלט אַראָפּשאַרן די פּערלדיקע טראָפּנס שווייס. דאַן איז ער געבליבן זיצן מיטביידע הענט פאַרלייגטע אויף די קניען, אָטעמענדיק שווער און אָפּגעהאַקט.

מירל איז געבליבן אויף די קני, ווי דער פאָטער האָט זי געלאָזן, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן דעם טישקאַנט, ווי פאַרגליווערט און איינגאַנצן אויסגעשעפּט פון דער לעצטער אָנשטרענגונג. צום ערשטן מאָל האָט זיך איר יונג לעבן אַ ריס געטאָן צו עפּעס — נו זאָל עס זיין צום טויט, איז וואָס? זי האָט זיך געלאָזט גיין, ווי ס׳גייט אַ כלה אַנטקעגן איר חתן. פון איין דער פרי אָן האָט זי זיך געגרייט דערצו. און דער באָבעס חופּה־קלייד איז פאַרשעמט געוואָרן. און דער טאַטע, איר געטרייער טאַטע, וואָס פאַרשטייט זי בעסער פון אַלעמען, אַפילו פון דער מאַמען, האָט זי אַזוי פאַרשעמט. ניט געלאָזט גאָט זאָל אָננעמען איר קרבן. יצחק האָט יאָ געקענט גיין און זי נישט? און אברהם האָט אים נאָך אַליין געפירט, ביי דער האַנט געפירט, און ער האָט דאָך געוואוסט, אַלץ געוואוסט, וואָס גאָט פאַרלאַנגט פון אים. און דאָ ווילן אַלע, יאָ זי זעט עס דאָך, אַלע ווילן, אַז די באָבע זאָל גיין. האָט דען די באָבע כוח צו שלעפּן זיך ערגעץ ווייט, ווייט אויף אירע קראַנקע פיס? און וואָס פאַר א ווערט האָט דען דער קרבן פון אַן אַלטן מענטשן, וואָס דאַרף סיי ווי באַלד שטאַרבן?

צום ערשטן מאָל אין איר לעבן האָט זי דערפילט אַ האַס צו איר פאָטער. זי האָט זיך מיט כעס אַ ריס געטאָן פון אָרט, געוואָלט זיך אויפשטעלן, אָבער דער רימען אָן וועלכן זי האָט געהאַט פאַרגעסן, האָט זיך נאָך טיפער אַריינגעשניטן אין איר לייב. זי האָט געגעבן אַ פאַל צוריק און איז שוין אַזוי פאַרבליבן ליגן אויף דער פּאָדלאָגע אויסגעצויגן, דעם קאָפּ פאַרגראָבן אין ביידע הענט.

דער פּאַס ליכט וואָס איז אַריינגעפאַלן דורכן פענצטער האָט זיך געצויגן, געצויגן מיט דער פּאָדלאָגע, ביז ער האָט זיך אַוועקגעלייגט ביי אירע פיס. דאָרט וואו די פּאַסמע ליכט איז געפאַלן, האָבן אָנגעהויבן צו שעמערירן

די איינגעוועבטע אין בלוי־שאַנזשירטן זייד ראָזלעכע בלומען, ווי אויפגע־וועקטע צו אַ נייעם לעבן. אין שטוב איז אויפסניי געוואָרן שטיל. עס האָט זיך דייטלעך געהערט דאָס זשומען פון אַ לעצטער פליג, וואָס האָט געזוכט אַ ווינקל, וואו זי זאָל זיך קענען רואיק אַוועקזעצן, פון וואַנען קיינער זאָל זי ניט אַראָפּטרייבן, דאָס ווינקל פאַר איר לעצטן ווינטער־דיקן שלאָף.

מען איז געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. זאָל שוין קומען וואָס עס וויל. זאָל די אַנטשיידונג קומען פון דרויסן, פון אויסנווייניק. און אויב אַלע וועלן מוזן גיין אַנשטאָט איינעם, טאָ זאָל שוין זיין אַזוי. אויב דער, וואָס אויבן וויל עס, אויב ער קאָן דערצו דערלאָזן, וועט מען עס אָננעמען פאַר ליב.

דער זייגער אויף דער קאָמאָד האָט געמאָסטן די שטילקייט מיט זיין רואיקן טיק־טאַק, מיט די ווייזערס גערוקט זיך איבערן ווייסן ציפערבלאַט צו דער באַשטימטער שעה צו, גלייך ער וואָלט זי געוואָלט אַריינכאַפּן אין זיי, ווי אין שוואַרצע צוואַנגען.

מיטאַמאָל האָט דער טאַטע אויסגעדרייט דעם קאָפּ און שוין האָבן אַלע אויגן נאָכגעפאָלגט אין דער ריכטונג. דער באָבעס בענקל איז געווען ליידיק. אַלע זיינען געווען אַזוי פאַרנומען מיט די אייגענע מחשבות, אַז קיינער האָט אַפילו נישט באַמערקט, ווען זי האָט זיך אויפגעהויבן. וואו איז זי? ווען האָט זי זיך אַרויסגעשאַרט פון שטוב, אַזוי שטיל, אַז קיינער האָט נישט געהערט? דאָס האָט דאָך געמוזט געשען ערשט מיט עטלעכע מינוט צוריק.

אַלע האָבן זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן, נישטערן מיט די אויגן אין די שטוב־ווינקלען. פּלוצלונג האָט זיך אויף דער שויב פון דער גלעזערנער טיר, וואָס פירט פון שטוב צום פאָדערצימער באַוויזן אַ שאָטן. דער שאָטן האָט אָנגעהויבן זיך צו דערנענטערן, ביז ער האָט פאַרנומען מיט זיך די גאַנצע שויב. אַלעמענס אויגן האָבן זיך אויסגעקערעוועט אַהין. יאָ, ס'איז געווען די באָבע. אין איר אַלטער, שוואַרצער, יום־טובדיקער ראָטונדע. זי האָט געהאַלטן אַ קליין טלומעקל אונטערן אָרעם, ווי אַ סידורל, ווען זי פלעגט גיין צום דאַוונען. איין האַנט האָט אַרומגעקלאַמערט איר שטעקן, מיט דער צווייטן האָט זי פּאַמעלעך געעפנט די פאַרקייטלטע דרויסנדיקע טיר. באַלד האָט זיך די טיר געגעבן צוריק אַ וויג אַריין אין די אַנגלען.

קיינער האָט זיך נישט אויפגעהויבן פון אָרט. קיינער האָט זי נישט אַ רוף געטאָן צוריק. אַלע זיינען געבליבן אַזוי, ווי זיי זיינען געזעסן ביז איצט. נאָר די קעפּ האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט נאָך טיפער, טיפער, ווי זייער אָרט וואָלט געווען דאָרט, ביי די פיס, אינם שטויב פון דער פּאָדלאָגע.

# בראָניע

## I

באַקענט האָב איך זיך מיט איר אין יאָר 1946, אין שוועדן, וואָס איז געוואָרן אַ צייטווייליקע סטאַנציע פאַר דעם הייפל אָפּגעראַטעוועטע פוילישע און ליטווישע יידן. זיי האָבן געוואַרט אויף דער מעגלעכקייט אַרויסצופאָרן צו זייערע קרובים אין אַמעריקע און ארץ־ישראל.

זיי אַלע האָבן געפּרואווט בגוואַלד זיך אַריינצווינגען אין די ראַמען פון דעם נאָרמאַלן אַרומיקן לעבן. אָבער ס'איז געווען גענוג צו דערזען אין גאַס אַ שפּילנדיק קינד, אָדער אַ פאַרבייגייענדיקע אַלטע פרוי, אַז די קינסטלעך אויפגעשטעלטע באַריקאַדע, וואָס האָט זיי געזאָלט אָפּגרענעצן פון די טויט־יאָרן, זאָל זיך צעפאַלן אויף שטויב. מיט צעפּיבערטע בליקן האָט מען באַגלייט דאָס קינד אָדער די אַלטע פרוי צום סאַמע עק פון גאַס און ווי ניט וועלנדיק זיך פאַרקערעוועט אין אַ ווייטער גאַס, וואָס האָט אַמאָל געפירט צו דער אייגענער שטוב, וואו אַ מאַמע האָט געוואַרט ביים פענצטער, וואו קליינע שוועסטערלעך און ברידערלעך אָדער אייגענע קינדער האָבן זיך געשפּילט אין הויף.

און שטענדיק פלעגט מען צוקומען צו דעם זעלביקן פונקט — אַז אפשר, ווען מען וואָלט געטאָן דאָס אָדער יענץ — וואָלט מען זיי געקענט ראַטעווען. און גראָד ווי דעמאָלט, אַזוי אויך איצט אין די געדאַנקען, איז מען געבליבן הילפלאָז און אָפּהענטיק און גלייכצייטיג פאַרשעמט צוליב דעם אייגענעם, אָפּגעראַטעוועטן לעבן. אָפט פלעגט מען מיט געמאַכטער חוצפה און בראַוואור פּרוּוון פאַרשטעלן די אייגענע אומזיכערקייט און שיפלות.

ווען עמעץ האָט אָנגעהויבן דערציילן די עפּיזאָדן פון די ניט־ווייט־אָפּגערוקטע יאָרן, פלעגן זיך די ווערטער שיטן ווי האַרטע שטיינדלעך, וואָס אָט־אָט וועלן זיי פאַרשיטן, באַגראָבן אונטער זיך סיי דעם דערציילער, סיי די צוהערער.

אין יענע שעהן פלעגט זי זיצן מיט פאַרלייגטע הענט, דעם קאָפּ מיט די געדיכטע קאַשטאַן־ברוינע האָר אַראָפּגעלאָזט, און שמייכלען. גלייך זי וואָלט וועלן אויפנעמען אויף ס'ניי דעם גאַנצן צער פון יעדנס לעבן באַזונדער און אים פאַרלעשן מיט דעם שמייכל, וואָס איז געווען ווי